

# איז עס שוין
# ראש השנה?



TORAHUMESORAH

חזקי האט זיך אויפגעוועקט פרי ערב ראש השנה.



ער האט געקוקט אויף חי' און געפרעגט,
"איז עס שוין ראש השנה?"

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר טוען תשובה."



חזקי און חי' זענען אריבערגעגאנגען צו זייערע פריינט
צו בעטן מחילה.
"זיי מיר מוחל אויב איך האב דיר אמאל וויי געטוען,"
האבן זיי געבעטן. "איך וועל פרובירן עס נישט צו טוען
נאכאמאל."



„איז עס שוין ראש השנה?"
האט חזקי געפרעגט.

„ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
„ערשט דארפן מיר געבן צדקה."



חזקי און חי' האבן גענומען אפאר מטבעות און
ארייגעלייגט אין די צדקה פושקע.



"איז עס שוין ראש השנה?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר באקן רינדעכדיגע חלות."



חזקי און חי' האבן געוואשן זייערע הענט און אנגעטועט שירצלעך. דערנאך האבן זיי אלעס צאמגעמישט, געקנעטן די טייג, און געפלאכטן שיינע, רינדעכדיגע חלות.



"איז עס שוין ראש השנה?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חיי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר איינקויפן די סימנים."



חזקי און חי׳ זענען געגאנגען צו די געשעפט. זיי האבן
איינגעקויפט עפלעך, האניג, רימון, מייערן, די קאפ פון
א פיש, און אסאך מער...



"איז עס שוין ראש השנה?"
האט חזקי געפרעגט.

"ניין, חזקי," האט חי' געזאגט.
"ערשט דארפן מיר זיך צוגרייטן פאר יום טוב."



חזקי און חי' האבן געהאלפן זייער מאמע קאכן, און
צוגרייטן די טיש. דערנאך, האבן זיי זיך געבאדן און
אנגעטוען שיינע יום טוב קליידער.



"איז עס שוין ראש השנה?"
האט חזקי געפרעגט.

"יא חזקי!" האט חי' געזאגט.
"יעצט איז שוין ראש השנה!"

א גוט געבענטשטע יאר!






ADAPTED FROM "IS IT SHABBOS YET?" BY ELLEN EMERMAN
ILLUSTRATED BY TOVA LEFF COPYRIGHT 1990 HACHAI PUBLISHING
USED WITH PERMISSION.

everyschool.
everyteacher
everychild.

TORAHUMESORAH